LIBRARIES
UNIVERSITY OF WISCONSIN–MADISON

# Wie lang noch ; Das vieg lied \= ווי לאַנג נאָך? ; דאס וויגען ליעד.

Rumshinsky, Joseph, 1881-1956; Frug, S. G. (Semen Grigor’evich), 1860-1916

New York, New York: Hebrew Publishing Company (50 Eldridge St.), 1914

https://digital.library.wisc.edu/1711.dl/HNDFCQYGDR5DG8P

http://rightsstatements.org/vocab/NKC/1.0/

The libraries provide public access to a wide range of material, including online exhibits, digitized collections, archival finding aids, our catalog, online articles, and a growing range of materials in many media.

When possible, we provide rights information in catalog records, finding aids, and other metadata that accompanies collections or items. However, it is always the user's obligation to evaluate copyright and rights issues in light of their own use.

728 State Street | Madison, Wisconsin 53706 | library.wisc.edu



ווי לאנג נאך:
WIE LONG NOCH
ווי לאנג נאך:
(פון „די ציגיינערין")
אראנזשירט פון י. מ. רומשיסקי
Wie Lang Noch
(From "DIE ZIGEINERIN")
Arranged by J. M. RUMSHISKY
שלאף מיין קינד
(דאס וויעג ליעד)
ווערטער פון ש. פרוג מוזיק פון י. מ. רומשיסקי
Jewish Lullaby
Dos Wieg Lied
Words by S. FRUG Music by J. M. RUMSHISKY
HEBREW PUBLISHING CO.
50 ELDRIDGE ST. NEW YORK
J. KELLER

# Wie Lang Noch

**Violin**

By J. M. RUMSHISKY




Copyright 1914 by The Hebrew Publishing Co. N.Y.

# Das Vieg Lied

**Violin**

By J. M. RUMSHISKY




Copyright 1914 by The Hebrew Publishing Co. N.Y.

# Dos Wieg Lied

Words by S. FRUG  Music by J. RUMSHISKY

וויעג-ליעד.

די נאַכט איז קאַלט; עס רוישט דער ווינד.
שלאָף איין. מיין קינד; שלאָף איין. מיין קינד!
דו ביזט נאָך קליין,
דו ביסט נאָך ריין,
ווייסט נאָך ניט פון שמערץ און צאָרען,
מיט פרייד און לוסט
ביי מוטערס ברוסט
שיינען דיר די קינדהייט'ס יאָהרען . . . .

---

די נאַכט איז קאַלט; עס רוישט דער ווינד.
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד.
ס'וועט זיין אַ צייט —
פון יעדער זייט
וועסטו נייעס זעהען, הערען:
נייע פרייד,
נייע לייד,
ניי' געלעכטער, נייע טרערען . . .

---

די נאַכט איז קאַלט; עס רוישט דער ווינד.
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד.
פרעמדע לייט
פון דער ווייט,
וועלען נייע ליעדער זינגען,
ווייט פון דיר
אָהן אַ שיעור
וועלען שווערע קייטען קלינגען . . .

---

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינד? . . .
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד.
ס'איז דאָ אַ לאַנד,
וואו פיין און שאַנד
האָט בעדעקט דאָס גאַנצע לעבען.
גיבט קיין ציעל
דעם געפיהל,
דעם געדאַנק — קיין פרייען שטרעבען . . .

---

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינד? . . .
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד.
נאַכט און טאָג
שמערץ און קלאָג
זינגען טרויעריגע ליעדער . . .
דאָרט, מיין קינד,
קראַנק און בלינד
לעבען, דיינע אַלטע ברידער . . .

---

דו הערסט ווי ביטער וויינט דער ווינד? . . .
שלאָף איין, מיין קינד; שלאָף איין, מיין קינד.

* *

רוה דיך אויס, מיין פויגעלע,
שטעה אויף שטאָלץ און שנעל,
ס'זאָל דיין ליכטיג אויגעלע
שיינען קלאָהר און העל;
ס'זאָל דיין קליינע פליגעלע
ווערען שטאַרק און גרויס
און — אַרויס פון וויעגעלע!
אויף די וועלט אַרויס!
דאָרט, וואו שלאַפע ציטערען
פון דעם טיעפען פיין,
מיט דעם שמערץ דעם ביטערע
זאָל דיין שלאַכט-פעלד זיין!
געגען טרויער, אַרמוטה, לייד,
שטרייטען ווי אַ העלד;
פרייהייט, ליעבע, ליכט, און פרייד
ברייגנען אויף דער וועלט! . . .

---